בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

ויגש תשפ"ה

גליון 220



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם

אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער.

מִיר דַארְפְן דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט אַכְט טֶעג. מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט הַלֵל שָׁלֵם אַכְט טֶעג, אוֹיף דֶעם אַלֵיין דַאנְק מֶען דַאנְקֶען צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

מִיטְן כֹּחַ פוּן חֲנוּכָּה וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז!

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה לֵיינְט מֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ פַאר עֶר גֵייט אַרָאפּ קַיין מִצְרַיִם זָאגְט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער: "אַל תִּירָא מֵרְדָה מִצְרַיְמָה" הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אַרָאפְּצוּגֵיין קַיין מִצְרַיִם, וַוייל "אָנֹכִי אֵרֵד עִמְּךָ מִצְרַיְמָה וְאָנֹכִי אַעַלְךָ גַם עָלֹה" אִיךְ אַלֵיין וֶועל אַרָאפְּגֵיין קַיין מִצְרַיִם אוּן אִיךְ אַלֵיין וֶועל דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען אוּן אוֹיפְהֵייבְּן פוּנֶעם לַאנְד מִצְרַיִם.

ר' נָתָן זָאגְט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אַז עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן אִין נָאךְ סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, אַז אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָז אַלֶע סוֹדוֹת פוּנֶעם גָלוּת וָואס דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל. דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז דֶער גָלוּת הַנֶּפֶשׁ – אַלֶע שְׁוֶועְרִיקַייטְן, עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת וָואס קָאכְט זִיךְ אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי יְרִידוֹת זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיפְן גָלוּת, דִי עֲלִיּוֹת זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיף דִי גְאוּלָה. דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן דַוְקָא וֶוען סְ'אִיז גָאר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, וֶוען עֶס דַאכְט זִיךְ אַז סְ'אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין וֶועג אַרוֹיס, עֶס אִיז זֵייעֶר פִינְסְטֶער, דַוְקָא דֶעמָאלְט דַארְף מֶען וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט נִישְׁט פַארְלָאזְן אוּן וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים אִם אָמַרְתִּי מָטָה רַגְלִי חַסְדְּךָ ה' יִסְעָדֵנִי.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז, סַיי אִין גָלוּת וֶוען עֶס דַאכְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט, דַארְף מֶען וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז "אָנֹכִי אֵרֵד עִמְּךָ מִצְרַיְמָה", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, וָואס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן אַ גְאוּלָה, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז אוֹיךְ פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט וְאָנֹכִי אַעַלְךָ גַם עָלֹה.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת. אַלֶע אִידְן פַאסְטְן אוּן מֶען זָאגְט סְלִיחוֹת, וַוייל אִין דֶעם טָאג הָאבְּן דִי גוֹיִם צֶעבְּרָאכְן דִי חוֹמוֹת פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז גֶעשֶׁען דֶער חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. נָאךְ אַ גְרוֹיסֶע צָרָה אִיז גֶעשֶׁען, עֶס אִיז אִין דֶעם טָאג נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי נָתָן זִי"עַ דֶער תַּלְמִיד מֻבְהָק פוּנֶעם רֶבִּי'ן, וָואס דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "אִיר דַארְפְט אִים

המשך אויף זייט 3

## פרעג מיין קינד



אויף זייט 2



# פרעג מיין קינד

## קינדער פרעגן, מלמדים ענטפערן

**שְׁאֵלָה:** מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיים זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן יוֹם-טוֹב חֲנוּכָּה וָועלְכֶע אִיז אַזוֹי שְׁנֶעל אַדוּרְכְגֶעלָאפְן. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר?

**תְּשׁוּבָה:** פוּן צְווִישְׁן דִי שׁוּרוֹת קֶען מֶען זֶען אַז דוּ בִּיסְט אַ אִינְגְל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אַ אִינְגְל וָואס זוּכְט אוּן שְׁטְרֶעבְּט צוּ זַיין נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

ר' נָתָן אִין זַיין גְרוֹיסְן סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הָאט עֶטְלִיכֶע גֶעדַאנְקְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָועלְכֶע בַּאדֶערְט זֵיי דִי פְּרַאגֶע וִויאַזוֹי צוּ אָנְהַאלְטְן דִי לִיכְט פוּן חֲנוּכָּה אוּן הוֹדָאָה? מִיר וֶועלְן בְּרֶענְגֶען נָאר אֵיין בְּרֶעקֶעלֶע.

א) יָא צַדִּיק'ל, דוּ קֶענְסְט עֶס מַמְשִׁיךְ זַיין יֶעדְן טָאג דוּרְכְן דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הָאַרְץ, בַּיים דַאוְוענֶען שְׁמוֹנֶה-עֶשְׂרֵה בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן מוֹדִים. עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט אִינְזִין הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער וָואס דוּ זָאגְסְט אַרוֹיס פוּן דַיין מוֹיל, מוֹדִים אֲנַחְנוּ לָךְ... עַל נִסֶּךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ, וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְטוֹבוֹתֶיךָ שֶׁבְּכָל עֵת עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרָיִם... בָּרוּךְ אַתָּה ה' הַטּוֹב שִׁמְךָ וּלְךָ נָאֶה לְהוֹדוֹת.

וֶוען אִימֶער דוּ קוּמְסְט אָן צוּ אַ בְּרָכָה פוּן דַאנְקְן צִי בַּיי שְׁמוֹנֶה-עֶשְׂרֵה אָדֶער בַּיים בֶּענְטְשְׁן, אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע בְּרָכָה וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע שֶׁהַכֹּל הָאסְטוּ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט בַּיי דִי בְּרָכָה צוּ לוֹיבְּן אוּן דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

אוֹיךְ דוּרְכְן טָאג רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט דַיין אֵייגֶענֶעם שְׁפְּרַאךְ אוֹיף אַלֶעם גוּטְס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דִיר גֶעשֶׁענְקְט, אַזוֹי וֶועסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין דִי לִיכְט פוּן חֲנוּכָּה יֶעדְן טָאג פוּן יָאר.

ב) נָאכְן צִינְדְן דִי אַכְט טֶעג אוּן הֲנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה גְלוּסְט זִיךְ צוּ צִינְדְן נָאךְ אַ נַיינְטֶע, אַ צֶענְטֶע אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְדִיגְן צִינְדְן. אָבֶער ר' נָתָן זָאגְט, נֵיין, דַארְפְסְט מֶער נִישְׁט אוּן דוּ טָארְסְט מֶער נִישְׁט צִינְדְן, וַוייל יֶעצְט נֶעמְט יוֹסֵף הַצַּדִּיק - וֶועלְכֶער אִיז מָשִׁיחַ - אִיבֶּער דִי גֶעוַואלְדִיגֶע אֱמֶת'ע לִיכְט וָואס דָאס אִיז בְּעֶצֶם דִי לִיכְט וָואס גֵייט שַׁיינֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּן נֵיין, יֶעצְט קֶען מֶען עֶס נָאךְ נִישְׁט אָנְצִינְדְן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק בַּיי דִי גְאוּלָה, וֶועט צִינְדְן אוּן אוֹיפְפְלַאקֶערְן דֶעם לִיכְטִיגְן אֱמֶת פַאר אַלֶעמֶען. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט ר' נָתָן אַז אוֹיב מִיר וֶועלְן וַוייטֶער צִינְדְן וֶועט עֶס זַיין

צוּ אַ גְרוֹיסֶע פַייעֶר, אַ רִבּוּי אוֹר, מִיר דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דִי אַכְט קְלֵיינֶע לִיכְטעלעך אוּן דָאס אִיז דָאס. (לוֹיט הודאה ו' אות ל"ד-ל"ה.)

ג) יֶעדְן טָאג זָאגְן מִיר דֶעם קַאפִּיטְל 'מִזְמוֹר לְתוֹדָה', וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַזוֹי צוּ טוּן, דֶער קַאפִּיטְל אִיז אַזוֹי וִוי אַ קָרְבַּן תּוֹדָה, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאכְט אוּנְז דָאךְ יֶעדְן טָאג סַיי בַּאהַאלְטֶענֶע אוּן סַיי אָפֶענֶע נִסִּים מִיט וואוּנְדֶער, נָאר מִיר בַּאמֶערְקְן נִישְׁט אַלֶעמָאל, דֶערִיבֶּער זָאגְן מִיר

יֶעדְן טָאג 'מִזְמוֹר לְתוֹדָה' צוּ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן מִיט דֶעם זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ דִי שַׁעֲשׁוּעֵי עוֹלָם-הַבָּא וָואס דָאס מֵיינְט דַאנְקְן צוּם בּוֹרֵא, אוּן דָאס אִיז טַאקֶע דִי לִיכְט פוּן חֲנוּכָּה.

ד) אַ מוֹרָא'דִיגֶע חִידוּשׁ שְׁרַייבְּט אוּנְז ר' נָתָן, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִין זַיין צָרָה, עֶר טְרֶעפְט דָארְט עֶפֶּעס אַ שְׁפַּאלְט פוּן בְּרֵייטְקֵייט אַ הַרְחָבָה אִין דֶער צָרָה אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ בְּחִינָה פוּן חֲנוּכָּה.

**צו ארייַנשיקן א שאלה, רוף דעם טעלעפאן ליין און פרעג דיין שאלה אויף קנעפל 5**

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

זֵייעֶר דַאנְקֶען וֶוען נִישְׁט עֶר וָואלְט פוּן מִיר קֵיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן".

ר' נָתָן פַאר זַיין פְּטִירָה הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אִיר דַארְפְט זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט". פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעפְרֶעגְט: "חֲזַ"ל זָאגְן אַז חֹדֶשׁ טֵבֵת אִיז גֶעשֶׁען דְרֵיי צָרוֹת, וָואס זֶענֶען דִי דְרֵיי צָרוֹת? וֶוער וֵוייסְט?" דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעדֶענְקְט וָואס דִי צָרוֹת זֶענֶען.

הָאט ר' נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן: "א) עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן ב) דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף גְרִיכִישׁ. ג) דִי מוֹיעֶרְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן".

רוּפְט זִיךְ אָן ר' נָתָן מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "נוּ אַז עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק אוּן טְרֵייף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר אַזוֹי פִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא טוֹיזְנְטֶער טְרֵייף פָּסוּל, נָאר אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן סִפְרֵי רַבֵּנוּ וֶועט זַיין אַ תִּקוּן אוֹיף אַלְדִינְג, נוּ, זָאג אִיךְ אַייךְ אָן אַז אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט מִיט רָצוֹן אוּן מִיט טִרְחָא". יֶעדֶעס קִינְד קֶען מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶס זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיָנוֹתֶיךָ חוּצָה, אַז דֶער לִיכְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד וְתַלְמִידֵי תַלְמִידָיו זָאל שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אלע צָרוֹת זָאלְן שׁוֹין וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה, מֶען זָאל זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דֶער צוּזָאג פוּן וְאָנֹכִי אַעַלְךָ גַם עָלֹה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# גְלַייךְ צוּם רֶבִּין

דֶער הֵיילִיגֶער ר׳ נָתָן אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן פְרֵייטָאג פַארְנַאכְט׳ס, אַזוֹי ווִי עֶס פַּאלְט אוֹיס דָאס יָאר, מְ׳הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט מַאכְן דֶעם לְוָיָה, אָבֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף שַׁבָּת נָאךְ פַּארְן בַּאעֶרְדִיגְן. דֶעם טָאג פְרֵייטָאג צוּנַאכְט׳ס ווִילַאנְג ר׳ נָתָן אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ קְבוּרָה, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט רֶבִּי נַפְתָּלִי - וֶועלְכֶער הָאט גֶעווְאוֹינְט אִין אוּמַאן, גֶעהַאט אַ חָלוֹם, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן ווִי ר׳ נָתָן לוֹיפְט, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט "וואוּ לוֹיפְסְטוּ"? זָאגְט אִים ר׳ נָתָן ׳אִיךְ׳ - גְלַייךְ צוּם רֶבִּי׳ן!

פְלֶעגְט ר׳ אַבְרָהָם ר׳ נַחְמָן׳ס פַּארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה און רֶעדְן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן ר׳ נָתָן׳עֶן, אַז נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם קְבוּרָה אִיז עֶר שׁוֹין גֶעווֶען בַּיים רֶבִּי׳ן! דִי קְבוּרָה אִיז דָאךְ גֶעווֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת, און נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען לִקְבוּרָה אִיז עֶר שׁוֹין גֶעווֶען בַּיים רֶבִּי׳ן!

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט; "אִיךְ, גְלַייךְ צוּם רֶבִּין" וָואס אִיז דִי לָשׁוֹן "גְלַייךְ צוּם רֶבִּי׳ן"?! פְלֶעגְן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן; "ר׳ נָתָן אִיז גֶעווֶען - בַּיים לֶעבְּן "גְלַייךְ צוּם רֶבִּי׳ן"! אִיז ווִי קֶען מֶען גֵיין נָאכְן הִסְתַּלְקוּת?! גְלַייךְ צוּם רֶבִּי׳ן!

פוּן וַואנֶעט הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דָאס?! נָאר עֶס אִיז דָא אַ לָשׁוֹן אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ ׳כְּפוּם מַה דְאִתְדַּבֵּק בַּר נַשׁ בְּהַאי עָלְמָא׳ - אַזוֹי אִיז עֶר ׳בְּעָלְמָא דְאָתֵי׳, לוֹיט ווִי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְדַּבֵּק אִין דֶער ווֶעלְט - אַזוֹי אִיז עֶר דָארְט אוֹיבְן!

רֶבִּי נָתָן אִיז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעווֶען "גְלַייךְ צוּם רֶבִּי׳ן", "גְלַייךְ צוּם רֶבִּי׳ן", עֶר הָאט אַוֶועק גֶעלֵייגְט אִינְגַאנְצְן זַיין מֹחַ! אֲפִילוּ אִין זַיין לֶערְנֶען טְרַאץ



וָואס עֶר אִיז פוּן פְרִיעֶר שׁוֹין גֶעווֶען אַ גָאוֹן בִּנִגְלֶה, אָבֶּער ס׳אִיז אַלְץ גֶעווֶען אוֹיפְן דֶערֶךְ פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, אִיז דָאס אַ אַנְדֶערֶע תּוֹרָה! ס׳שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז דִי תּוֹרָה וָואס מְ׳לֶערְנְט לִשְׁמָהּ אִיז אַזַא סָארְט תּוֹרָה וָואס עֶס גֵייט אַזוֹי הוֹיךְ, און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיךְ מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ מִיט דִי תּוֹרָה, סְ׳אִיז דָא מַלְאָכִים וָואס זֵיי בְּרֶענְגֶען דִי תּוֹרָה פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט דָאס בַּיי זִיךְ!

ר׳ נָתָן אִיז טַאקֶע גֶעווֶען אַ גָאוֹן פְרִיעֶר אוֹיךְ, מְ׳זֶעט דָאךְ אַז אִין דֶער טָאג פוּן זַיין הִסְתַּלְקוּת הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן ׳כָּל טוּב׳ - דֶעם תַּנַ״ךְ אִין דֶעם טָאג הָאט עֶר אוֹיךְ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט, - דָאס אִיז טַאקֶע אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶערְנֶען, ווִיבַּאלְד עֶר הָאט פַארְזוּכְט דֶעם טַעַם פוּן צַדִּיק, און פַארְזוּכְט זַיין אֶמֶת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ אֶמֶת אִין אַייךְ אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט"!

אִיז דָאס אַ אַנְדֶערֶע לֶערְנֶען!

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט ר׳ נָתָן גֶעזָאגְט; "אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעהוֹילְט מַיין מֹחַ אִינְגַאנְצְן, גֶעהֶערְט אַ וָוארְט פוּנֶעם רֶבִּי׳ן - דָאס אִיז מַיין מֹחַ, נָאךְ אַ וָוארְט - הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל מֹחַ"! אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי "גְלַייךְ בַּיים רֶבִּי׳ן" בַּיים לֶעבְּן - אִיז עֶר נָאכְן פְּטִירָה אוֹיךְ "גְלַייךְ צוּם רֶבִּי׳ן"! דָאס אִיז אַ גֶעווַאלְדִיגֶע גְרוֹיסְקַייט.

(לויט א שיחה פון ר׳ לוי יצחק בענדער ז״ל)

# ווער וויל גיין

# קויפן בייגעלעך?

אַזוי ווי ר׳ נָתָן איז גֶעוֶוען צְווִישְׁן די מִתְנַגְּדִים, אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ מְקָרֵב זַיין צוּ די חֲסִידִים, ר׳ נָתָן אִיז גֶעזֶעצְן קֶעסְט בַּיי זַיין שְׁוֶוער צְווֵיי יָאר, וֶוען די צְווֵיי יָאר הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען עֶסְן בַּיי זַיין טַאטְנ׳ס טִישׁ, דָארְט אִין יֶענֶעם שְׁטָאט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ חַבֵר מִיט ר׳ לִיפָּא, דֶער ר׳ לִיפָּא אִיז גֶעוֶוען אַ וַואריִמֶער חָסִיד, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ טַעֲנֶה׳ן מִיט ר׳ נָתָן אַז די חֲסִידִים זֶענֶען אֱמֶת׳ע עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶס לוֹינְט נָאנְט צוּ וֶוערן מִיט זֵיי.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד פוּן הָאנִיפָּאלְיֶע קַיין נֶעמִירוֹב דָארְט וואוּ ר׳ נָתָן הָאט גֶעוואוֹינְט, די אִידְן אִין נֶעמִירוֹב הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִיט דֶעם אִיד, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען. דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ גֶעוואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם ווי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן גֶעמַאכְט אַ בְּרָכַת הַמּוֹצִיא מִיט אַן עֶרְנְסְקַייט, ר׳ לִיפָּא מִיט ר׳ נָתָן שְׁטֵייעֶן אוּן בַּאטְרַאכְטְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן עֶס אִיז זֵיי זֵייעֶר גֶעפָאלְן וויאַזוֹי עֶר פִּירְט זִיךְ אוֹיף, פְּרֶעגְן זַיין אִים: "דוּ קֶענְסְט רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא?" "זִיכֶער קֶען אִיךְ אִים!" עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: "אִיךְ גֵיי אַסַאךְ אַרַיין צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ, מַיין גַאנְצְן הִתְעוֹרְרוּת צוּם דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן הָאט אִיךְ בַּאקוּמֶען פוּן אִים!"



אִיר ווִילְט הֶערְן וויאַזוֹי עֶס קוּקְט אוֹיס זַיין סֵדֶר הַיּוֹם? אִינְמִיטְן נַאכְט בַּיי חֲצוֹת גִיט זִיךְ ר׳ זוּשָׁא אַ וַוארְף אַרָאפּ פוּן בֶּעט אוּן שְׁרַייט: "זוּשָׁא זוּשָׁא הֵייבּ זִיךְ שׁוֹין אוֹיף! דָאס אִיבֶּעריִגֶע וֶועסְטוּ שׁוֹין שְׁלָאפְן אִין קֶבֶר!

אַזוֹי שִׁילְדֶערְט עֶר פַאר ר׳ לִיפָּא אוּן ר׳ נָתָן די גֶעוואַלְדִיגֶע עֲבוֹדוֹת פוּן ר׳ זוּשָׁא. ר׳ נָתָן הָאט דָאס אַלֶעס גֶעהֶערְט הָאט זִיךְ אִים זַיין הַארְץ אָנְגֶעצִינְדְן צוּ פָארְן צוּ די תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ ר׳ מָרְדְּכַי קְרֶעמֶענִיק, צוּם בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רַב אוּן נָאךְ צַדִּיקִים.

אֵיינְמָאל אִיז ר׳ נָתָן גֶעזֶעצְן בַּיי אַ סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה מִיט תַּלְמִידִים פוּן בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רַב, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בֵּייגֶעלֶעךְ זִיךְ צוּ קֶענֶען וַואשְׁן צוּ די סְעוּדָה, הָאבְּן די תַּלְמִידִים גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין אַיינְקוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ, אוּן... דֶער גוֹרָל אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוֹיף ר׳ נָתָן, עֶר זָאל גֵיין קוֹיפְן די בֵּייגְלֶעךְ.

ר׳ נָתָן לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אוֹיף די בַּארְדִיטְשׁוֹבּ׳עֶר גַאסְן, עֶר שְׁפַּאצִירְט אוּן הֵייבְּט אָן צוּ טְרַאכְטְן פוּן זַיינֶע שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, ר׳ נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ נְשָׁמָה וָואס הָאט זִיךְ גֶעוָוארְפְן אִין אִים עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן מְקוֹרָב צוּם דֶּרֶךְ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב.

עֶס אִיז אִים אַרַיין אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, עֶר רֶעדְט צוּ

זיךְ און זאָגט: "פאַרדעם בין איךְ בַּאשַׁאפן געוואָרן אויף דער וועלט צו קויפן בייגלעך?" ר' נָתָן גייט אַריין אין אַן עֶזְרַת נָשִׁים, ער זוכט אַ ליידיגן אָרט, ער נעמט אַ תְּהִלִּים און הייבט אָן זאָגן און זאָגן ביז ער קומט אָן צו קאַפּיטל נו"ן, ער פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד און קוילערט זיךְ פון גרויס צַעַר. ר' נָתָן איז געווען אַ גרויסע נְשָׁמָה, וואס איז אַריבער אויף אים עֲלִיּוֹת מיט יְרִידוֹת. אַזוי ווי מען זעט אויךְ ביי דָּוִד הַמֶּלֶךְ וואו ער שרייט אין סֵפֶר תְּהִלִּים "טָבַעְתִּי בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד בָּאתִי בְמַעֲמַקֵּי מַיִם וְשִׁבֹּלֶת שְׁטָפָתְנִי" איךְ בין איינגעזינקען אין אַ טיפע בלאָטע איךְ קען זיךְ נישט אויפהייבן, איךְ בין אין אַ טיפע וואַסער, איךְ ווער דערטרונקען!!

ר' נָתָן איז איינגעשלאָפן! ער שלאָפט! אינמיטן שלאָף זעט ער אין חָלוֹם אַ גרויסער לייטער וואס גייט פון דער ערד ביזן הימל, אַזוי ווי דער לייטער פון יַעֲקֹב אָבִינוּ, ר' נָתָן גייט אַרויף אויפן לייטער און פאַלט אַראָפּ! ער שטעלט זיךְ אויף און גייט אַרויף אַביסל העכער, ווידער פאַלט ער אַראָפּ, אַזוי איינמאָל און נאָכאַמאָל, ווי העכער ער גייט אַרויף אַלץ פאַלט ער שטערקער אַראָפּ, ביז ר' נָתָן איז אַרויף זייער זייער הויךְ אויף די העכסטע טרעפּל אָבער דעמאָלט האָט ער געגעבן אַ טראַסקע אַראָפּ... אַז ער האָט זיךְ מער נישט געקענט אויפהייבן...

ער זעט פּלוצלינג איינעם אין חָלוֹם, אַ אינגערמאַן קומט צו צו אים און זאָגט אים: "דראַפּע זיךְ און האַלט זיךְ.." דאס מיינט, "קריך ווייטער אַרויף און האַלט זיךְ פעסט!"

דאס איז געווען איין יאָר פאַר ר' נָתָן איז נִתְקָרֵב געוואָרן צום רבי'ן. שפּעטער ווען ער איז דאס ערשטע מאָל געקומען צום רבי'ן האָט ער גלייךְ דערקענט דאס פָּנִים, "דאס איז דער איד וואס האָט מיר געזאָגט דראַפּע זיךְ און האַלט זיךְ".





**טרעף צען חילוקים אין די בילדער וואו מען זעט די מארק אין שטאט ברסלב.**

# לעובדא ולמעשה

## רבי חיים בנימין ווערטהיימער ז"ל

עס טרייסלט די האנט און ווייטאגט דאס הארץ, ווען מיר דארפן נעמען די פענע און שרייבן די ווערטער ר' חיים בנימין זכרונו לברכה... ווי נעמט מען די שטארקייט? וואס זאל מען שרייבן? פון וואו הייבט מען אן? ווער קען דען שרייבן און רעדן וועגן דעם ערליכן געטרייען ברסלב'ער חסיד וועלכער האט געהאט איינגעבאקן אין זיין הארץ טיף דער הייליגער רבי... נאר דער הייליגער רבי...

אויף יעדע פראגע, יעדע אומקלארקייט, יעדע נעפל, אלעס איז געווען קלאר און דייטליך ביי אים. "עס איז דא א צדיק... עס איז דא א רבי'... ס'איז קלאר פארהאן תקוה צו ווערן נאנט צום באשעפער, פאר יעדן איד אין יעדן מצב..."

ווער עס האט זיך נאר איינגעהערט אין זיינע שמועסן איז קלאר געווארן אז ווי מער מען איז נאנט צו דעם לעבעדיגן צדיק, דער הייליגער רבי, אלס מער ווערט מען נכלל אין נצח נצחים, מען בלייבט אויף אייביג, דעריבער פאלן אוועק אלע זארגן, אלע פראבלעמען, אלע שוועריגקייטן. דא אויף דער וועלט פינקלען אלע סארטן קאלירן פון טבע וועלכע שרייען אויס יאוש, אומקלארקייט, פחד, אבער אז מען דיפעט אויף דער שטארקייט פון את דעם רחמנות'דיגן צדיק - דער נחל נובע מקור חכמה וועלכער האט גענומען אויף זיך די מי אונז צו פאררעכטן און ברענגען צום שענסטן תכלית פאלן אוועק אלע זארגן אין עמקי תהומות.

דער סדר העולם איז אז מענטשן זענען מסודר מיט א דאקטאר, יועץ, באנקיר, אדוואקאט, פסיכיאטער, מחנך, ווען אימער מען האט א פראבלעם זוכט מען אפיר איינער וואס זאל אים ארויסהעלפן. ר' חיים בנימין האט געהאט נאר איין אדרעס: דער הייליגער רבי! פאר יעדע סארט חינוך פראגע, שלום בית, פרנסה, עצות, מלחמות, מחלוקת, און וואס נישט, איז ביי ר' חיים בנימין געווען קלאר ווי דער טאג צוגעצייכנט אין ליקוטי הלכות א.א.וו. מיט איין איינציגן תירוץ: "דורכן צדיק וועסטו ווערן נאנט צום באשעפער און דיין פראבלעם איז געלעזט..." און דער תירוץ איז געווען אזוי קלאר פאר די אויגן, אז מען איז ארויסגעקומען אויף דער גאס און געגעבן א שמייכל מיט איין שאלה וואס איז יא געבליבן, "וואס?" וואס גייט פאר מיט די אלע מענטשן ארום, זיי ווייסן נישט פון הייליגן רבי'ן און זיינע דייטליכע, ליכטיגע עצות?

אצינד אז ר' חיים בנימין איז leider מער נישטא מיט אונז וועלן מיר ווייטער בעז"ה פרובירן זיך אנקלעפן און קלאמערן אין די געוואלדיגע הייליגע ספרים פון הייליגן רבי'ן מיט די ליכט וואס מיר האבן זוכה געווען צו הערן ביי די שיעורים פון ר' חיים בנימין ז"ל, זאל ער זיין פאר אונז א מליץ יושר אז די צדיקים זאלן שוין אויפזוכן אונזערע נקודות טובות אזוי ארום וועט אונזער שלעכטס זיך אפשיילן און אונזער טוב וועט זיך אנטפלעקן און דער גואל צדק וועט אונז באלד אויסלייזן און ברענגען אלע אידן צום רעכטן תכלית, אמן ואמן.




המשך פון די לעצטע זייט

דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים לָאזְט צוּמָאל עֶס זָאל אוּנְז אַרַיינְדְרִינְגֶען אִין מֹחַ צְוֵויי סָארְטְן מַחֲשָׁבוֹת. בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען אוּן סְתַּם אַזוֹי אִין אַ גְרֵינֶעם מִיטְוָואךְ. דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן אוֹיבְן קוּקְט מִיט הֲנָאָה צוּ זֶען דִי גְרוֹיזַאמֶע מִלְחָמָה צְוִוישְׁן דִי רֵיינֶע אוּן אוּמְרֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

צֶענְדְלִיגֶע מָאל קוּקְט אוּנְז אוֹיס אַז דִי אוּמְרֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת גֵייעֶן אָט אָט גֶעוִוינֶען אִיבֶּער דִי רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען, דִי הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת. אָבֶּער פְּלוּצְלוּנְג נָאכְן זִיךְ שְׁטַארְקְן וֶוערְט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אַז מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק אוּן דֶערְהֵייבְּן זִיךְ הֶעכֶער דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, מִיר טְרַאכְטְן גוּטֶע רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען, מִיט שְׁטַארְקַייט אוּן זֶעלְבְּסְטְשַׁאץ, שַׁאפְן מִיר אַ גֶעוַואלְדִיגֶער תַּעֲנוּג אוּן נַחַת פַארְן בַּאשֶׁעפֶער! אוּן דָאס אִיז בַּיי אִים גָאר גָאר טַייעֶר.

לָאמִיר גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער לָאזְט אוּנְז זִיךְ סְפְּרַאוֶוען מִיט אַ נִסָּיוֹן פוּן אָט דִי אוּמְרֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת כְּדֵי מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זֵיי מִיט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן זֵיי זִיגְן אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶערְפוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ. (לוֹיט תּוֹרָה רֶגֶ"ל)

## לאמיר זען ווי שנעל דו ביסט מצליח אנצוקומען צו רבי נתן'ס ציון לרגל זיין יארצייט





אַז זֵיי הָאבְּן גוֹמֵר גֶעוֶועןְ [גֶעעֶנְדִיגְט] דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם טָאג, אוּן זֵיי הָאבְּן דֶערְנָאךְ אִיבֶּערְגֶעעֶכְטִיגְט – אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן זֵיי זִיךְ וִוידֶער דֶערְמַאנְט – אוּן הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט וְכוּ', נָאךְ דֶעם 'בֶּעטְלֶער' וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ 'קְרוּמֶען-הַאלְז'.

דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין, אוּן זָאגְט: "אִיךְ בִּין דָא וְכוּ' – פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי-וִוי אִיךְ – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ 'דְרָשָׁה-גֶעשַׁאנְק', אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי-וִוי אִיךְ.

אִיר מֵיינְט, אַז אִיךְ הָאבּ אַ 'קְרוּמֶען-הַאלְז' – אִיךְ הָאבּ גָאר קַיין 'קְרוּמֶען-הַאלְז' נִישְׁט – אַדְרַבָּא, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ 'גְלַייכְן-הַאלְז', זֵייעֶר אַ 'שֵׁיינֶעם-הַאלְז' – נָאר סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן הַבְלֵי-עוֹלָם (דְהַיְינוּ: נַארִישְׁקַייט פוּן דֶער וֶועלְט) – אוּן אִיךְ וִויל גָאר קַיין שׁוּם דוּךְ [הֶבֶל], אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן.

(אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אַ פָּנִים, וִוי אַ 'קְרוּמֶער-הַאלְז' – וָוארְן עֶר פַארְקְרוּמְט דֶעם הַאלְז פוּן דִי הַבְלֵי-עוֹלָם – אוּן עֶר וִויל גָאר קַיין שׁוּם דוּךְ [הֶבֶל] אִין דֶער וֶועלְט, נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן).

אָבֶּער צוּם אֶמֶת, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר אַ 'שֵׁיינֶעם-הַאלְז', זֵייעֶר אַ 'וואוּילְן-הַאלְז' – וָוארְן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ 'וואוּיל-קוֹל'.

אוּן אַלֶע 'קוֹלוֹת' וָואס אִין דֶער וֶועלְט, וָואס נָאר אַ 'קוֹל' אָן אַ 'דִיבּוּר' – קֶען אִיךְ אַלֶע 'קוֹלוֹת' נָאכְמַאכְן מִיט מַיין 'קוֹל' – וָוארְן אִיךְ הָאבּ אַ 'הַאלְז', אוּן אַ 'קוֹל', זֵייעֶר אַ וואוּילְס.

אוּן אִיךְ הָאבּ אַ 'הַסְכָּמָה' דֶערוֹיף, פוּן דֶער 'מְדִינָה'".

וָוארְן סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'מְדִינָה', וָואס זֵיי קֶענֶען אַלֶע זֵייעֶר וואוּיל דִי חָכְמָה פוּן 'מוּזִיקַא' [מוּזִיק] (דְהַיְינוּ: דִי חָכְמָה פוּן שְׁפִּילְן אוּן זִינְגְן).

אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע דָארְט עוֹסֵק אִין דֶער חָכְמָה, אוּן אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער – סְ'אִיז דָארְטְן נִישְׁט פַארְהַאנְדְן אַ קִינְד, וָואס סְ'זָאל נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן אוֹיף עֶפֶּעס אַ 'כְּלִי-שִׁיר'.

אוּן דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה, אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אַ אַנְדֶערֶע מְדִינָה, אִין דֶער חָכְמָה פוּן מוּזִיקַא [מוּזִיק].

אוּן דִי 'חֲכָמִים' אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' פוּן דֶער מְדִינָה, אוּן דִי 'קַאפֶּעלְיֶיעס', זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר 'וִוילְד-גְרוֹיסֶע חֲכָמִים' אִין דֶער 'חָכְמָה'.

אַמָאל זֶענֶען גֶעזֶעסְן דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה – אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה אִין 'מוּזִיקַא' [מוּזִיק].

דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר קֶען שְׁפִּילְן אוֹיף דֶעם 'כְּלִי-שִׁיר'". אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר קֶען שְׁפִּילְן אוֹיף דֶעם 'כְּלִי-שִׁיר'". אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "מִיט דֶעם 'כְּלִי-שִׁיר'".

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר קֶען שְׁפִּילְן אוֹיף עֶטְלִיכֶע 'כְּלֵי-שִׁיר'". אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר קֶען שְׁפִּילְן אוֹיף אַלֶע 'כְּלֵי-שִׁיר'". אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "אַז עֶר קֶען מַאכְן מִיט זַיין קוֹל, אַזוֹי-וִוי דָאס 'כְּלִי-שִׁיר'".

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר קֶען מַאכְן

מִיט זַיין קוֹל, אַזוֹי־וִוי דָאס 'כְּלִי־שִׁיר'". אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר קֶען מַאכְן מִיט זַיין קוֹל, אַזוֹי־וִוי עֶטְלִיכֶע 'כְּלֵי־שִׁיר'".

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "אַז עֶר קֶען מַאכְן מִיט זַיין קוֹל, אַזוֹי־וִוי אַ 'פּוֹיק' פּוּנְקְט, גְלַייךְ וִוי מְ'פּוֹיקְט".

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר קֶען מַאכְן מִיט זַיין 'קוֹל', אַזוֹי־וִוי מְ'שִׁיסְט אוֹיס פוּן אַ 'הוּרְמַאטֶעס' [בִּיקְס]".

אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אוֹיךְ גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דֶער מִיט דֶעם 'קְרוּמֶען־הַאלְז', וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ).

הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן, אוּן הָאבּ צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "מַיין קוֹל אִיז בֶּעסֶער פוּן אַייעֶרֶע קוֹלוֹת" – וְהָא־רַאְיָה, וָוארְן אַז אִיר זֶענְט יָא אַזוֹינֶע חֲכָמִים אִין 'מוּזִיקַא' [מוּזִיק], הֶעלְפְט זֶע דִי צְוֵויי מְדִינוֹת.

וָוארְן סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן צְוֵויי מְדִינוֹת, אוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת זֶענֶען וַוייט אֵיינֶער פוּן דֶער אַנְדֶערֶער, טוֹיזְנְט מַייל – אוּן דָארְט אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת, אַז סְ'קוּמְט דִי נַאכְט, קֶען מֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן – וָוארְן אַז סְ'וֶוערְט נַאכְט, אַזוֹי הֵייבְּן זֵיי אַלֶע אָן צוּ קְלָאגְן מִיט אַ 'קוֹל־יְלָלָה', אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וְטַף.

וָוארְן בַּיינַאכְט, הֶערְט מֶען דָארְט אַ 'קוֹל־יְלָלָה' זֵייעֶר (דְהַיְינוּ: אַ וֵויינֶענְדִיג קוֹל פוּן קְלָאגְן) – אוּן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם מוּזְן זֵיי אַלֶע דָארְט אָנְהֵייבְּן צוּ קְלָאגְן, מַאנֶען [מֶענֶער], אוּן וַוייבֶּער, אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער – אַז סְ'זָאל לִיגְן אַ 'שְׁטֵיין' וָואלְט עֶר 'צוּגָאסְן גֶעוָוארְן.

אוּן אַזוֹי פִּירְט זִיךְ אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת – וָוארְן אִין דֶער מְדִינָה הֶערְט מֶען דָאס 'קוֹל־יְלָלָה', מוּזְן זֵיי אַלֶע קְלָאגְן כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אוּן אַזוֹי אִין דֶער אַנְדֶערֶער מְדִינָה, אִיז אוֹיךְ אַזוֹי – אוּן אֵיין מְדִינָה פוּן דֶער אַנְדֶערֶער, אִיז וַוייט טוֹיזְנְט מַייל.

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער], אַז אִיר זֶענְט אַזוֹינֶע חֲכָמִים אִין 'מוּזִיקַא' (דְהַיְינוּ: אִיר קֶענְט שְׁפִּילְן אוּן זִינְגְן) – הֶעלְפְט זֶע דִי צְוֵויי מְדִינוֹת, אָדֶער מַאכְט כָּאטְשֶׁע נָאךְ דָאס 'קוֹל' (דְהַיְינוּ: דָאס 'קוֹל־יְלָלָה' וָואס מְ'הֶערְט דָארְט, מַאכְט נָאךְ דָאס קוֹל).

הָאבְּן זֵיי צוּ אִים גֶעזָאגְט: "וֶועסְטוּ אוּנְז אַהִינְפִירְן"? – הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "יָא", אִיךְ פִיר אַייךְ אַהִין".

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַלֶע אַהִינְצוּגֵיין.

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִינְגֶעקוּמֶען (דְהַיְינוּ: צוּ אֵיין מְדִינָה פוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

וִוי סְ'גֶעקוּמֶען נַאכְט, אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי־וִוי תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג], זֵיי הָאבְּן אַלֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלָאגְן, אוּן דִי חֲכָמִים הָאבְּן אוֹיךְ גֶעקְלָאגְט – (הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעזֶעהְן: אַז זֵיי קֶענֶען זֵיי נִישְׁט הֶעלְפְן).

הָאט עֶר צוּ זֵיי גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט גֶעהַאט אַ 'קְרוּמֶען־הַאלְז', הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִי חֲכָמִים הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]): "עַל־כָּל־פָּנִים, זָאגְט מִיר, פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס 'קוֹל־יְלָלָה' וָואס מְ'הֶערְט דָארְט, פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס קוֹל"?

הָאבְּן זֵיי צוּ אִים גֶעזָאגְט: "אוּן דוּ וֵוייסְט"? – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵוייס יָא".

בס"ד

נאמ: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (9)

**א. ווי אזוי איז געווען באמת די האלז פון דעם פערטן בעטלער?**
- ❑ א קרומער האלדז
- ❑ זייער א גלייכע האלדז
- ❑ זייער א גלייכע און א שיינע האלדז

**ב. וואספארא קול האט דער בעטלער געהאט?**
- ❑ א הייזעריגע קול
- ❑ א פשוט'ע קול
- ❑ זייער א וואויל קול

**ג. פון וועמען האט ער א הסכמה?**
- ❑ פון די מדינה וואס לעבן חיים טובים
- ❑ פון דעם אמת'ן איש חסד
- ❑ פון די מדינה וואס אלע זענען חכמים אין מוזיקא

**ד. וויפיל חכמים רעכנט דער רבי אויס וואס האבן זיך בארימט מיט די חכמה פון נגינה?**
- ❑ דריי
- ❑ זיבן
- ❑ צעהן

**ה. וועלכע קולות איז דער רבי מפרט אז זיי קענען עס נאכמאכן?**
- ❑ א פויק און א פידל
- ❑ א פויק און א פייפער
- ❑ א פויק און וואו מ'שיסט פון הורמאטעס

**ו. מיט וואס איז די קול פון דעם בעטלער בעסער פון זייערע?**
- ❑ ווייל זייער קול איז שטילער
- ❑ ווייל זייער קול איז מער הייזעריג
- ❑ ווייל זיי קענען נישט העלפן די צוויי מדינות

**ז. וואו ווייט זענען די צוויי מדינות איינס פון די אנדערע?**
- ❑ פינעף הונדרעט מייל
- ❑ טויזענט מייל
- ❑ א תחום שבת

**ח. וואס געשעהט ביינאכט ביי די צוויי מדינות?**
- ❑ די עלטערע מענטשן קלאגן מיט א וויינעדיגע קול
- ❑ די ווייבער און קליינע קינדער קלאגן מיט א וויינעדיגע קול
- ❑ מענער ווייבער און קינדער קלאגן מיט א וויינעדיגע קול

**ט. וואס איז געשען צו די חכמים ווען זיי האבן געהערט די קלאגן פון די מדינה?**
- ❑ זיי האבן געזאגט אז זיי האבן א עצה זיי צו העלפן
- ❑ זיי האבן אויך אנגעהויבן קלאגן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בעטלער וואס האט א קרומע האלדז?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

"בֶּענְקְט און גְלוּסְט תָּמִיד. און סֶע גֵייט גָאר אוֹיס" ביי וועלכע מעשה נאך ווערט דערמאנט "בענקען" און וועלכע נאך

לשונות שטייט דארטן וואס ביי אונז ווערט דאס נישט דערמאנט? אין די ערשטע מעשה: בֶּענְקֶען און וֶועלִין און

הָאפִין (דער משנה למלך), - אין די צווייטע מעשה: דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט

**דער געווינער אויף די זיבן בעטלערס נומער 7 איז**
**הילד החשוב נחמן בעק, בית שמש**

צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

דֶער הַאר אִיז גֶערוּפְן גֶעוָוארְן צוּם גְרוֹיסְן פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג. "הֶער מִיר צוּ מַיין טַייעֶרֶער הַאר", זָאגְט אִים דֶער קֶענִיג, "קוּמֶענְדִיגְן דִינְסְטָאג הָאבּ אִיךְ אַ פְּרַייעֶ טָאג פוּן מַיינֶע קֶענִיגְלִיכֶע עִנְיָנִים, מִיט וָואס קֶען אִיךְ דוּרְכְפִירְן דֶעם טָאג מִיט עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְטְס? הָאסְט עֶפֶּעס אַ גֶעדַאנְק, עֶפֶּעס וָואס זָאל מִיר דֶערְפְרֵייעֶן? אַ זַאךְ וָואס קֶען מִיר בַּאנֶעמֶען אוּן אוֹיפְהַייטֶערְן"?

דִינְסְטָאג בַּייטָאג זִיצְט זִיךְ דֶער קֶענִיג אִין זַיין הֶערְלִיכְן גָארְטְן, אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע הוֹיכְגֶעשֶׁעצְטֶע הַארְן. אוֹיפְן רִיזִיגְן פְּלַאטְפָארְמֶע וֶועלְכֶע שְׁטֵייט אִינְמִיטְן גָארְטְן, גֶעפִינֶען זִיךְ עֶטְלִיכֶע רִיזִיגֶע פַארְצִיקְנְדֶע הוֹיכֶע חִיּוֹת.

דֶער רִירְנְדֶע מַעֲמַד הֵייבְּט זִיךְ אָן. דִי חַיּוֹת הֵייבְּן זִיךְ אָן שְׁטוֹיסְן אֵיינֶע דִי צְוֵוייטֶע, לוֹיפְן אוּן בְּרִיקֶען, אַנְטְלוֹיפְן אוּן שְׁרַייעֶן, שְׁפְּרִינְגֶען אוּן פַאלְן. לִיאַרְמֶען אוּן קְנַאקֶען, אֵיינֶע גֶעוִוינְט דָאס צְוֵוייטֶע. אֵיין חַיָּה אִיז כִּמְעַט גֶעפַאלְן

## א פרייליבע זיג

וֶוען דִי צְוֵוייטֶע אִיז שׁוֹין בַּאלְד אַ גֶעוִוינֶער. פְּלוּצְלוּנְג כַאפְּט דֶער קֶענִיג שָׁאק אוּן וואוּנְדֶער, וֶוען אֵיין חַיָּה וֶועלְכֶע אִיז שׁוֹין כִּמְעַט גֶעפַאלְן צוּם טוֹיט, הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִיט שְׁטָאלְץ אוֹיף דִי פִיר פִּיס אוּן אַרוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע חַיָּה אוּן אִיר בַּאזִיגְט אוֹיף אַלֶעמָאל.

דֶער קֶענִיג רַייבְּט זִיךְ דִי הֶענְט מִיט פְרֵייד: "ווי גֶעשְׁמַאק צוּצוּזֶען אַזַא מִלְחָמָה מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן. ס'אִיז גֶעוַואלְדִיג צוּ זֶען דִי חַיָּה וָואס הַאלְט בַּיים זִיךְ אוֹיסְלָאזְן שְׁטַארְק זִיךְ אַזוֹי אוּן גֶעוִוינְט מִיט אַזַא נִצָּחוֹן. זִי גֵייט אוֹיף אַרוֹיף אוּן גֶעוִוינְט דֶעם שְׁפִּיל, טְרָאץ דִי קְלֶעפּ וָואס זִי כַאפְּט. אִיךְ הָאבּ אַזַא נַחַת צוּצוּזֶען אַזַא שְׁפִּיל, דָאס דֶערְפְרֵייט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ זֶען אוּן מִיטְהַאלְטְן פוּן דֶער נָאנְט".



דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דֶעם מָשָׁל, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט וֶוען מִיר שְׁטַארְקְן זִיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען אוֹיף אוּנְזֶערֶע פְרֶעמְדֶע גֶעדַאנְקֶען, דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דְרִינְגֶען אַרַיין אָן רְשׁוּת אִין אוּנְזֶער מֹחַ.

דִי טָמֶא'נֶע חַיּוֹת וֶוערְן פַארְרֶעכְנְט פַאר שְׁלֶעכְטֶע אוּן אוּמְוֶוערְדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת, טָהוֹרֶ'ע חַיּוֹת וֶוערְן גֶערוּפְן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת.

המשך אויף זייט 8

הגליון נתנדב ע"י
הרה"ח ר' שמואל בנימין ברוין הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הרה"ח ר' מרדכי יעקב ראטנבערג הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הגליון נתנדב לע"נ
הרה"ח ר' חיים בנימין ז"ל
בן יבלח"ט הרה"ח ר' גרשון שליט"א